

Glikl Hameln - Zichroynes

Vor tzu zolti zikh lozin eyn mensh zoyer um zayni kinder verin? Eyn eydir mensh zolti zikh lozin vol zayn un' far zayni kinder un' negsti fraynt nit zurgin. Abir der groysi gitigi Got hot doz alis nokh zayni barimhertzikeyt giton, doz di eltirn libn iri kindr un' zey tzu rekht helfin, un' den die kinder zolkhis fun iri eltirn zehn un' zolkhis vider an iri kinder tun.

L'moshel, es izt eyn mahlt eyn fogil givezin, hot dray yungi feygleykh gihat un' zikh on bartin doz *yam* mit ihnen oyf gihaltin. Mit eyn molt zikht der alti fogil doz eyn groyser vind kumt un' doz *yam* vert gresir un' an den bartin kumin. Zo zogt er tzu zayni kinder: "Ven mir nit baldi oyf yenis zayt dos *yam* fligin, zo zaynin mir far lohrin." Obir di yungi feygleykh habin nokh nit fligin kenin. Alzo nemt der foygil doz ayni feyglikhi tzvishn zayni fis un' fligt mit im iber doz *yam*. Vi zey mitn in *yam* zayn, zogti der alti fogil tzu zaynin zun: "Mayn kind, <zikh> voz tzoris ikh mikh mit dir gnit un' vie ikh mayn *chiyus* um daynt halbin vag. Ven ikh nun ver alt zayn, vilstu okh vol bay mir tun un' in mayn eltir ernehrin?" Zogt doz yungi fegilkhen: "Mayn hertz liber fatir, breng mikh nor iber doz vasir, ikh vil in dayni eltir alis bay dir thun voz du fun mir farlangst."

Der alti fogil verft zayn zun oyf dizi reydn ins *yam* doz es far zoyft un' zogt: "Alzo *shakron* alz du bizt makhin."

Alzo fligt der alti fogil vidr h'nibr un' holit doz andri feygilkhen. Vie zey mitn in *yam* kumin, ret der alti fogil vidr tzu den feygilkhen vie er mit den ershtin giret hot. Doz

feygilkhen zogt im okh alis gutis in der velt tzu tuhn glaykh doz ershti giret hot, obir der alti fogil nemt es okh un' verft es in *yam* hinayn un' zogt: "Du bist oykh eyn *shakran* un' fligit vidr an bortin dos *yam* un hulit doz driti fegilkhen.

Vie er okh mit dem dritin fegilkhen mitin in *yam* kumit, zogt er okh tzu ihm: "Mayn kind, zikh vos ikh far *tza'ar* hobi un' vi ikh mayn *chiyus* fun daynit vegin vag. Ven ikh nun in mayn eltir kum un' mikh nit mehr ririn kon, vil[s]tu okh gutis bay mir tuhn un' mikh in mayn eltir ernehrin vi ikh dikh in dayner yugint tu?"

Alzo entfirt doz yungi fegilkhen zaynin fatir: "Mayn liber fatir, es izt vor alis voz du zogst doz du grosi tzoris un' zurg far mir host. Ikh bin zolkhis okh shuldig on dir vider op tzu gebin ven es meyglikh vert zayn. Obir gvis kon ikh dir es nit tzu zogin. Obir doz vil ikh dir tzu zogin: ven ikh okh eyn molt ver yungi krign, zo vil ikh bay mayni yungi kinder tun vi du bay mir tust'. Zo zogt der fatir: 'Du reydist rekht un' bist okh klug. Dikh vil ikh lebin lozin un' iber den vasir helfin.' Der zikht man yo vol doz Got hot: den un far niftign feygil in gigebin dos zi iri yungin ertziyin. Un' zikht man okh vi eyn under shid izt, vi eltern zikh um iri kinder b'miyin un' zi mit grosi zurgfelt ertziyin, obir ven di kinder alzo fil *tzoris* un' zurg fun iri eltirn zoltin hobin, vi bald zoltin zi es mid verin.



וואור צו זולטי זיך לאזין איין מענש זויאר אום זייני קינדר ווערין? איין אידיר
מענש זולטי זיך לאזין וואול זיין אונ׳ פאר זייני קינדר אונ׳ נעגשטי פריינט ניט
זורגין. אביר דער גרוישי גיטיגי גאט האט דאז אליש נאך זייני בארימהערציקייט
גיטאן, דאז דיא | עלטירן ליבן אירי קינדר אונ׳ זיא צו רעכט העלפין, אונ׳ דען דיא י ע״א
קינדר זולכיש פון אירי עלטירן זעהן אונ׳ זולכיש ווידר אן אירי קינדר טון.
למשל,[103] עש איזט איין מאהלט איין פאגיל גיוועזין,[104] האט דרייא יונגי פיגליך
גיהאט אונ׳ זיך אן בארטין דאז ים מיט איהנן אויף גיהאלטין. מיט איין מאלט זיכט
דער אלטי פאגיל דאז איין גרוישר ווינד קומט אונ׳ דאז ים ווערט גרעשיר אונ׳ אן
דען בארטין קומין. זוא זאגט ער צו זייני קינדר: ׳ווען מיר ניט באלדי אויף יעניש
זייט דאש ים [ב]פליגין, זוא זיינין מיר פאר לאהרין׳. אביר דיא יונגי פיגליך האבין
נאך ניט פליגין קענין. אלזו נעמט דער פויגיל דאז אייני פיגליכי צווישן זייני פיס
אונ׳ פליגט מיט אים איבר דאז ים. וויא זיא מיטן אין ים זיין, זאגטי דער אלטי
פאגיל צו זיינין זון: ׳מיין קינד, <זיך> וואז צרות איך מיך מיט דיר גניט אונ׳ וויא
איך מיין חיות אום דיינט האלבין וואג. ווען איך נון ווער אלט זיין, ווילשטו אך | 16
וואול בייא מיר טון אונ׳ אין מיין עלטיר ארנעהרין?׳ זאגט דאז יונגי פעגילכן: ׳מיין
הערטץ ליבר פאטיר, ברענג מיך נאר איבר דאז וואשיר, איך וויל אין דייני עלטיר

אליש בייא דיר טהון וואז דוא פון מיר פארלנגשט׳. דער אלטי פוגיל ווערפט זיין
זון אויף דיזי רידן אינש ים דאז עש פר זויפט אונ׳ זאגט: ׳אלזו זאל מאן עש איין
שקרון[105*] אלז דוא ביזט מאכין׳. אלזו פליגט דער אלטי פאגיל | ווידר הניבר אונ׳ י ע״ב
הוליט דאז אנדרי פיגילכן. וויא זיא מיטן אין ים קומין, רעט דער אלטי פאגיל ווידר
צו דען פיגילכן וויא ער מיט דען ערשטין גירעט האט. דאז פיגילכן זאגט אים אך
אליש גוטיש אין דער וועלט צו טוהן גלייך דאז ערשטי גירעט האט, אביר דער
אלטי פאגיל נעמט עש אך אונ׳ ווערפט עש אין ים היניין אונ׳ זאגט: ׳דוא בישט
אויך איין שקרן׳ אונ׳ פליגיט ווידר אן בארטין דאש ים אונ׳ הוליט דאז דריטי
פעגילכן. וויא ער אך מיט דעם דריטין פעגילכן מיטין אין ים קומיט, זאגט ער אך
צו איהם: ׳מיין קינד, זיך וואש איך פאר צער <האבי> אונ׳ וויא איך מיין חיות פון
דייניט וועגין וואג. וואן איך נון אין מיין עלטיר קום אונ׳ מיך ניט מעהר רידרין קאן,
וויל<ש>טו אך גוטיש בייא מיר טוהן אונ׳ מיך אין מיין עלטיר ארנעהרין וויא איך
דיך אין דיינר יוגינט טוא?׳ אלזו ענטפירט דאז יונגי פעגילכן זיינין פאטיר: ׳מיין
ליבר פאטיר, עש איזט וואר אליש וואז דוא זאגשט דאז דוא גרושי צרות אונ׳ זורג
פאר מיר האשט. איך בין זולכיש אך שולדיג אן דיר ווידר אפ צו געבין ווען עש
מיגליך ווערט זיין. אביר גוויש קאן איך דיר עש ניט צו זאגין. אביר דאז וויל איך
דיר צו זאגין: ווען איך אך איין מאלט ווער יונגי קריגן, זוא וויל איך בייא | מייני יא ע״א
יונגי קינדר טון וויא דוא בייא מיר טושט׳. זוא זאגט דער פאטיר: ׳דוא רידישט
רעכט אונ׳ בישט אך קלוג. דיך וויל איך לעבין לאזין אונ׳ איבר דען וואשיר
העלפין׳. דאר זיכט מאן יוא וואול דאז גאט האט | דען און פאר ניפטיגן פיגיל אין 17
גיגעבין דאש זיא אירי יונגין ארציאין. אונ׳ זיכט מאן אך וויא איין אונטר שיד
איזט, וויא עלטירן זיך אום אירי קינדר במיאין אונ׳ זיא מיט גרושי זורגפעלט
ערציאין, אביר ווען דיא קינדר אלזו פיל צרות אונ׳ זורג פון אירי עלטירן זולטין
האבין, וויא בלד זולטיז זיא עש מיד ווערין.